**גרויס פרייד צו די עפענונג פון העס"ק צענטער'ס נייע וויליאַמסבורגער פליגל**

וויליאַמסבורג – וויליאַמסבורגער עלטערן און משפחות וועלכע האָבן אַ מיטגליד מיט פיזישע אָדער גייסטישע באַגרעניצונגען נעמען אויף מיט גרויס צופרידנהייט די נייעס אַז זייער לאַנג-יעריגער וואונטש צו קענען געניסן פון די וועלט באַרימטע העס"ק צענטער סערוויסעס אין אַ לאָקאַלן אָרט איז ענדליך ערפולט געוואָרן, מיט די עפענונג פון די שפּאָגל נייע העסק צענטער פליגל אין וויליאַמסבורג, וואָס וועט אי"ה צושטעלן די בעסטע סערוויסעס פאַר די באַטרעפנדע, מיט וואָס דער "העסק צענטער" איז שוין וועלט באַרימט במשך צענדליגער יאָרן.

במשך די יאָרן וואָס דער העסק צענטער באַדינט שוין דעם היימישן ציבור, האָבן זיי זיך איינגעהאַנדעלט אַ רעפּוטאַציע אַלס וועג-ווייזער אין דעם געביט פון חינוך מיוחד, צושטעלנדיג פאַר די געניסער די בעסטע סערוויסעס, די מערסט-צוגעפּאַסטע פּראָגראַמען, מיט געטרייישאַפט, וואַרימקייט און געפיל.

משפחות וועלכע האָבן אַהינגעשיקט בני משפחה, האָבן זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן ווי אַזוי זיי האָבן דאָרט אויפגעלעבט, אַדאַנק די בעסטע, לעבעדיגע, אינטערעסאַנטע און באַלערנדע פּראָגראַמען, וועלכע זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן נאָך שווערע אַרבעט און אָנווענדונגען צו פאַרזיכערן אַז מען קומט אויף מיט אַקטיוויטעטן און ערציאונג פּראָגראַמען וועלכע קענען אויפלעבן די מענטשן, אויפבויען זייערע קענטעניסן צו קענען לעבן ווי מענטשן צווישן מענטשן, און זיי זאָלן אויסנוצן זייערע כוחות צו די מאַקסימום וואָס נאָר מעגליך.

עס איז שוין לאַנג יאָרן דאָ אַ שטאַרקע נאָכפראַגע פון וויליאַמסבורגער עלטערן וועלכע בעטן פון די הנהלה "למה נגרע?" זיי ווילן אויך אַז זייערע קינדער זאָל קענען געניסן פון די סערוויסעס אויף אַ לאָקאַלן פאַרנעם.

באמת קומען ענליכע פאַרלאַנגען און ווענדונגען פון אַלע היימישע געגנטן, ווייל אַלע עלטערן ווילן אַז די וואָס זענען זיי די טייערסטע, זאָלן געניסן פון די העכסטע קוואַליטעט סערוויסעס מיט די

גרעסטע מאָס וואַרימקייט און ליבליכע געטריישאַפט, אין אַן היימישע אַטמאָספערע, און אין אַן אָרט וואו די סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט בתכלית הכשרות און מיט די גרעסטע מאָס זהירות נאָכצוקומען יעדן'ס לעבנס-שטייגער.

די הנהלה פון העסק האָט אָבער געשפּירט אַ ספּעציעלע שעבוד צו וויליאַמסבורג, נאָך וואָס דער גרינדער פון די אָריגינעלע העס"ק שולע – פון וואָס דער העסק  צענטער איז אַרויסגעוואַקסן אַלס אַ זעלבסט-שטענדיגע פליגל – איז געווען אַ וויליאַמסבורגער פּאָר-פּאָלק: הר"ר מרדכי קאַהן ע"ה, פון די פריע מיטגלידער אין די צעלימער קהלה וועלכער איז געווען מקושר צום צעלימער ר"ב זצ"ל, וזוגתו ע"ה וועלכע איז געווען אַ באַרימטע מחנכת אין וויליאַמסבורג, און זי האָט שפּעטער געדינט אַלס ערשטע ערציאונג דירעקטאָר אין העס"ק.

העס"ק איז עטאַבלירט געוואָרן כמעט מיט 45 יאָר צוריק אין די לאָוער איסט סייד מיט פיר תלמידים, דורך משפחת קאַהן ע"ה, די פּיאָנערן פון חינוך מיוחד ביים היימישן ציבור. מיט די עפענונג פון העס"ק האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע פאַר אָט די מענטשן, וואָס האָט ב"ה באַוויזן צו טוישן דעם צוגאַנג צו אָט די קאָנסומערס, און ווייזן אַ וועג אַז יעדער מענטש האָט כוחות, און מען קען יעדן אויפאַרבעטן אויב מ'טוט עס מיט געטריישאַפט און מען נוצט די פּאַסיגע מעטאָדן.

די נייעס אַז די טויערן פון די לאַנג-ערוואַרטע העס"ק אָפּטיילונג אין וויליאַמסבורג – וואו עס וועט צוגעשטעלט ווערן די באַרימטע העסק סערוויסעס – האָבן זיך שוין געעפנט, ווערט אויפגענומען מיט אַ זעלטענע פרייד. איבערהויפּט קוקן עלטערן אַרויס אויף די "דעי-העב" פּראָגראַם אין וואָס די קאָנסומערס נוצן אויס די טעג מיט גאָר באַלערנדע און לעבעדיגע אַקטיוויטעטן, אַריינגערעכנט לימודי קודש, דאַווענען, זיך לערנען אַן אַרבעט, באַ'טעמ'טע פּאַרברענגען, זיך לערנען דורכפירן פאַרשידענע זאַכן אַליין, און נאָך. די אַלע פּראָגראַמען זענען צוגעשטעלט באַזונדער פאַר מענער און פרויען, און די גדרי הצניעות ווערן אָפּגעהיטן אויפן שטרענגסטן אופן.

אָנצופירן די נייע פליגל איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ חשוב'ער וויליאַמסבורגער מומחה אינעם פעלד פונעם מיוחד, ר' חיים מאיר פריעדמאַן ני"ו, וועלכער האָט שוין איבער צען יאָר ערפאַרונג אין דעם געביט, און איז באַרימט מיט זיין געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צו די קאָנסומערס. דער אויסוואַל ווערט באַגריסט דורך עלטערן, וועלכע זענען צופרידן צו האָבן אַזאַ געטרייען מענטש אויף וועמען זיי קענען זיך פאַרלאָזן אַז ער וועט נישט רוען ביז זייערע טייערסטע געניסן פון די בעסטע סערוויסעס וואָס נאָר מעגליך. דאָס זעלבע וועט די גאַנצע שטאַב באַשטיין פון פּראָפעסיענאַלע מענטשן אין דעם געביט, וועלכע וועלן זיך אָפּגעבן מיט די קאָנסומערס מיט די גרעסטע מאָס איבערגעגעבנקייט.

ויה"ר שחפץ ה' בידם יצליח, צו די צופרידנהייט פון די פיל-צאָליגע וויליאַמסבורגער צוקונפטיגע געניסער.